**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/26/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט MTA שטייגט איבער איין ביליאן דאלאר OMNY 'טעפּס'**

***'טעפּס' גענוצט ביי יעדע סאָבווע' סטאנציע און אויף יעדע באס רוט***

***OMNY באניצער קומען פון אלע 195 לענדער וואס גיבן ארויס קרעדיט קארטלעך***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) פאסאנזשירן האבן 'געטעפּט' זייער טעלעפאן אדער קארטל אריינצוגיין אין די טראנספארטאציע סיסטעם מער פון איין ביליאן מאל נוצנדיג די OMNY רייזע בילעט באצאלונג סיסטעם. צו פייערן די עררייכונג האבן די אינסטאנצן אראפגעברענגט דעם באקאנטן 'טעפּ' טאנצער, דזשא'באָוען דיקסאן ביי די סאָבווע' סטאנציע אויף 74 St-Jackson Heights, וואו די ביליאנסטע פאסאנאזשיר, קאנדידא אלפאָנסאו, האט 'געטעפּט' אריינצוגיין אין די סיסטעם 10:47 אינדערפרי באקומענדיג א זעקל געשאנקען פון OMNY מיט $100 צו גענוצט ווערן אויף די OMNY דיגיטאלע בערזל, אן OMNY בעסקעטבאל היטל און א טי-שירט העמד.

"אזוי ווי מיר זעצן פאר צו ארבעטן צו צושטעלן זיכערערע, ריינערע און שנעלערע טראנספארטאציע, איז דאס אנקומען צו איין ביליאן OMNY 'טעפּס' א באווייז אז אונזער שווערע ארבעט צאלט זיך אפ," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "OMNY איז א וויכטיגע חלק פון אונזערע באמיאונגען צו מאדערניזירן די MTA און דאס צו מאכן גרינגער פאר מענטשן צו ארומפארן ארום ניו יארק. איך בין שטאלץ אז מיר האבן דערגרייכט די נקודה, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארויפבויען אויף אונזער פארשריט אין די צוקונפטיגע יארן."

פאסאנזשירן האבן גענוצט OMNY צו 'אריינטעפּן' צו אלע 472 סאָבווע' סטאנציעס. פאסאנזשירן האבן אויך 'געטעפּט' צו ארויפגיין אויף 204 לאקאלע באס רוטס און 31 עקספרעס באסעס מיט OMNY. OMNY זעצט פאר זיך צו פארברייטערן. כמעט האלב פון אלע סאָבווע' פאסאנזשירן נוצן OMNY צו 'אריינטעפּן' אין די סיסטעם, מיט צוויי מיליאן פאסאנזשירן נוצנדיג OMNY יעדן טאג. OMNY האט פראצעסירט קארטלעך פון אלע 195 לענדער וואס גיבן ארויס באנק קארטלעך, און 68 פראצענט פון די באנוץ פון OMNY ווערט געמאכט דורך פאסאנזשירן וואס 'טעפּן' די דיגיטאלע בערזל אין זייערע טעלעפאנען און אנדערע כלים.

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "ניו יארקער זענען אייביג אויף די באוועגונג און זיי פארשטייטערן קיינמאל נישט זייער גאנג, מאכנדיג דאס קריטיש אז מיר זאלן צושטעלן די שנעלסטע און גרינגסטע וועג צו באצאלן פאר אייער רייזע. פאסאנזשירן ביי יעדע סאָבווע' סטאנציע און אויף יעדע באס רוט האבן אויסגעוועהלט צו נוצן די סיסטעם — צו איז דען דא א בעסערע אינדארסירונג פון דעם?"

**MTA צייטווייליגע טשיעף קאסטומער אפיסער, שאניפע ריערא, האט געזאגט,** "באס און סאָבוועי פאסאנזשירן האבן געפילט די באקוועמליכקייט פון OMNY ערשטהאנטיג, מיט איבער א ביליאן 'טעפּס', און איך קוק ארויס צו נאך אפילו מער פאסאנזשירן אנטדעקנדיג די בענעפיטן דערפון. מיט דעם וואס עס פארלאנגט נישט צו ארויפלייגן געלט בעפאר, ווייזט זיך OMNY ארויס צו זיין די באקוועמסטע, זיכערסטע און געשליפנסטע אפציע פאר פאסאנזשירן; אלעס וואס מען דארף טוהן צו פארן איז צו 'טעפּן'."

**אסעמבלי מיטגלידערין קאטאלינע קרוז האט געזאגט,** "OMNY האט באמת גרינגער געמאכט די לעבנס פון ניו יארקער. היינט פייערן מיר די MTA'ס 1 ביליאנסטע באנוץ, וואס האט געמאכט אונזער סיסטעם באקוועמער פאר מיליאנען ניו יארקער. דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע האט עס אויך געמאכט אונזער סיסטעם זיכערער דורכן ערלויבן פאסאנזשירן צו באצאלן אן אנרירן די מאשין. איך בין באגייסטערט צו זעהן די צוקונפט פון OMNY און די MTA אין אונזער געוואלדיגע סיטי!"

**דזשוניאר בארא פרעזידענט, דאנאוועין ריטשארדס דזשוניאר האט געזאגט,** "אלע ניו יארקער ווילן – און עס קומט זיך זיי – א שנעלע און געשליפענע מאסן טראנספארטאציע סיסטעם. די OMNY סיסטעם איז געווען איין וויכטיגע שטיקל פון די פאזל אזוי ווי מיר ארבעטן צו אויפשטעלן אזא סיסטעם — איר דארפט בלויז פרעגן סיי וועלכער מענטש וואס איז אריבער א סאָבוועי טויער אדער ארויף אויף א באס מיט איין גרינגע 'טעפּ'. מיינע וואונטשן פאר די MTA פארן דערגרייכן 1 ביליאן OMNY 'טעפּס'. מיין אפיס קוקט ארויס צו אונזער אנגייענדע שותפות אזוי ווי מיר מאכן אונזער מאסן טראנספארטאציע סיסטעם מער פארלעסליך פאר אלע ניו יארקער, אפגעזעהן פון זייער זיפ קאָוד אדער געזעלשאפטליך-עקאנאמישע סטאטוס."

**איין ביליאנסטע פאסאנזשיר צו נוצן OMNY 'טעפּ', קענדידע אלפאנסאו, האט געזאגט,** "איך האב צום ערשט אנגעהויבן נוצן OMNY אין די זעלבע צייט ווען די פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן אין מערץ. איך העלף זיך אפגעבן מיט קראנקע מענטשן, אלזא אלץ אן 'עסענטשעל' ארבעטער האב איך געדארפט אריבערגיין פון קעש צו OMNY. דאס איז די סטאנציע וואו איך כאפ די 7 באן."

קליענטן וואס האבן דיסקאונטס האבן געהאלפן ערמעגליכן די איין ביליאן עררייכונג ווייל זיי קענען נוצן זייערע פערזענליכע כלים און קאנטאקטלאזע קארטלעך צו 'טעפּן' מיט OMNY זינט לעצטע אקטאבער. די מענטשן ווערן געמוטיגט צו אריבערגיין געשליפענערהייט פון MetroCards אויף די אינטערנעט צו די OMNY דיגיטאלע אסיסטענט וואס איז דא צו נוצן 24/7 אויף [OMNY.info](OMNY.info). [די אנווייזונגען ווידעאו](די אנווייזונגען ווידעאו) האט מער אינפארמאציע.

OMNY איז די MTA'ס רייזע בילעט באצאלונג סיסטעם וואס ארבעט אן אנרירן די מאשינען — און עס איז די גרינגסטע, זיכערסטע און מערסטע בויגזאמע וועג צו באצאלן פאר א סאָבוועי אדער באס רייזע און צו געניסן פון אומזיסטע טראנספערס און אומזיסטע רייזעס וועלכע ווערן פארדינט דורך מאקסימאלע סומעס וואס ווערן ארויפגעלייגט צו צאלן פאר רייזעס אין א ספעציפישע צייט אפשניט. פאסאנזשירן דארפן זיך נישט איינשרייבן אדער דאַונלאָודען אן עפּ, אדער אפילו ארויפלייגן געלט פון פאראויס צו נוצן OMNY; מען דארף פשוט א קרעדיט אדער דעביט קארטל וואס קען גענוצט ווערן אן סווייפען ('קאנטאקטלאז'), א סמארטפאון, סמארט זייגער אדער OMNY קארטל צו 'טעפּן' און אריינגיין. באזוכט [דא](דא) פאר מער איינצלהייטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן